# דרײַ לידער

## בײלע שעכטער-גאָטעסמאַן

---

## אין אָנגעלויף פֿון רייד

אין
אָנגעלויף פֿון רייד
אָנלאָד אויפֿן מוח
ווו זענט איר שטילע כרעזאַנטעמעס
מײַנע ווענט גאָלע פֿאַנטאָמען
באַהאַנגען מיט נעכטיקע שאָטנס,

ווי אַן אָנצוהער אַ רמז,
דאָס פֿענצטער צעעפֿנט,
צעפֿראַלט פֿאַרן ווינט,

האָט דער טאָג פֿאַרהאַקט זיך אין שויב

צי קען איך אים כאַפּן
ווי אַ פֿויגל אין נעץ

ער זאָל נאָר נישט צעדראַפּען מײַן הויט

---

## בײַם טישל די קאַווע

בײַם טישל די קאַווע
האָט די אָטעמס געפּאַרעט
און ווערטער פֿון פּאַרע
צו פּאַרע געצויגן.
ס׳איז בלאָ דער אַרום
און גרין איז דער בלישטש
אומגעריכט אַרײַן אין די אויגן.
פֿון גרין צו געל צו
גאָלד אין צעפֿלאַמען
ס׳אָטעמט דער נעכטן
אויף ס׳נײַ אין נײַזאַמען.
אין די אָדערן אַ ציטער
אַ פֿאַרהאַלטענער קוים
זאָל ער נאָר נישט טאָן
אַ שפּרונג אַרויס פֿון תּהום.

---

# אַ שטומעניש וואָס רעדט

וואָס האָט ער געזאָגט ווען ר׳האָט געשוויגן?
פֿריקרע צו לייענען שטומע רייד.
זענען עס אויגן וואָס דערדרינגען,
צי אַ כוואַליע-חוש גיט באַשייד?

צו זײַנע טענות האָב איך קעגן-טענות
נאָר בעסער נישט טענהן דערפֿון.
ס׳וועלן קיין טויזנט ווערטער נישט קלעקן
צו פֿאַרהיילן יענע ווונד.

און אַז ער שווײַגט, ענטפֿער איך
מיט שטילעניש וואָס רעדט.
כ׳האָב שוין לאַנג זיך אויסגעלערנט
שמועסן אויף אַזאַ מין גערעדט.